THE HEBREW JOURNAL

# דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY CIRCULATED ALL OVER CANADA AND ABROAD

VOLUME IV. No. 1175 — Toronto Wednesday January 24 1917 — א. שבט פרשה בא תרע"ז. — מיטוואך דער 24-טער יאנואר, 1917 — PRICE: ONE CENT


# פאָן מעקענזען'ס אַרמיי 125 מייל פון אדעס

## פרעמיער באָרדען ענטשלאָסען צו האַבען אַלבערט סעווייני אין קאַבינעט

ווערט קריגען א פלאַץ אין אנטעריא אין פאַל פון א דורכפאַל.

אטאווא, יאנואר, 23.

די פראנצויזישע קאָנסערוואטיווע צייטונג „לאַפּאַטריע" האָט נעכטען אָבגעדרוקט א בעריכט דאָס פרעמיער באָרדען האָט פארזיכערט האָט אַלבערט סעווייני דער מיניסטער פון אינלענדישע הכנסות, דאָס אין פאַל ער זאָל דורכפאַלען ביי די וואהלען אין דאָרטשעסטער קענען זיין ליבעראַלען געגנער, קענאָן, וועט ער קריגען א פלאַץ איז פון איינעם פון די פארלאַמענט מיטגליעדער פון אנטעריא, דער דאָזיגער בעריכט איז נאָך ניט אָבגעלייקענט געוואָרען, און איז דערפאַר לויט אַלע וואַהרשיינליכקייטען אמת. דער בעריכט זאָג אויך דאָס עטליכע פּלעצער זענען אָנגעבאָטען געוואָרען פון וועלכע סעווייני וועט זיך דאַרפען אויסקלייבען דעם בעסטען פּלאַץ, וואו ער דענקט ערוועהלט צו ווערען. קיין נעמען פון די פאַרלאַמענט מיטגליעדער וואָס זענען צופּריעדען אָבצוגעבען זייערע פּלעצער פאַר דעם צוועק זענען נאָך דערווייל ניט ארויס געגעבען געוואָרען.

דערווייל איז דער קאַמפּף צווישען קענאָן און סעווייני זעהר ניט בעשטימט. די מיינונג ווייזט אויס צו זיין צוטיילט אויף העלפט. מר. קענאָן אטאַקירט זעהר שטאַרק זיין געגנער אויף דעם גרונד דאָס ער, סעווייני, האָט געמאַכט פּראָפיט פון די מלחמה אָרדערס, און אויך דאָס וואָס ער האָט גענומען א ספּעציעלען קורס אין מיליטערישער וויסענשאַפט אָבער ער האָט זיך ניט פערשריבען אין דער אַרמיי.

## בולגאַרישע אַרמיי געהט אריבער די דונאַי צווייג אין דרום, די שלאַכטען אויף'ן רומענישען פראָנט פערגרעסערען זיך, גרויסע שלאַכטען אינ'ם געגענד פון דווינסק, דייטשער ים מזיק געהיימניספאַל פערשוואונדען

### גרויסע שלאַכט אויף'ן צפון ים. צוויי דייטשע שיפען בעזונקען

בערלין, יאנואר, 23.

ווי דער אָפיציעלער דייטשער בעריכט וועלכער איז היינט פערעפענטליכט געוואָרען מעלדעט, זענען די בולגאַרען אריבער די דרום צווייג פון דונאַי ארום טולטשא און דאָס מיינט אז זיי געהען אויף אדעס.

דער דייטשער בעריכט לעזט זיך ווי פאָלגט:

אין די קאַרפּאַטען און אויף'ן מאָלדאַווא פראָנט זענען פאָרגעקומען גרויסע ארטילעריע שלאַכטען, דער וועטער איז דאָרטען יעצט א גאַנץ גוטער עס האַלטען אן די פרעסט און מען בעוועגט זיך גאַנץ גוט.

אין א שלאַכט וועלכע איז פאָרגעקומען צווישען רוסיש - רומענישע טרופּען און עסטרייכישע האָבען די לעצטע פערקומען 100 ...

## דייטשער ים מזיק אין גאַנצען פערשוואונדען

דענישע פראַכט שיף זייל העלפען דעם מזיק ווערט אָבער פערהאַלטען.

ריאָ יאנעראָ, יאנואר, 23.

די דענישע פראַכט שיף האַמערשאָם האָט היינט פּרובירט צו העלפען דעם דייטשען ים מזיק מיט פּראָוויאַנט. זי איז אָבער אין צייט פערהאַלטען געוואָרען אין פּאָרט.

די שיף האָט זיך אָבער ניט אָבגעשטעלט ביז קאַנאָנען פון פאָרט סאַנטא קרוז האָבען אָנגעפאַנגען אויף איהר צו ... פעראַנקערט געוואָרען ביז אן אונטערזוכונג וועט געמאַכט ווערען.

מען איז זיכער אז די שיף האָט געפיהרט פּראָוויאַנט פאַר'ן ים מזיק.

דייטשער ים מזיק איז פערשוואונדען.

בוענאָס איירעס, יאנואר, 23.

דער דייטשער ים מזיק איז פער...

## פרעזידענט ווילסאָן האָט גוטע נייעס פון דייטשלאַנד

אזוי דענקען די לאָנדאָנער צייטונגען וועלכע איינדרוק פרעזידענט ווילסאָנס פריעדענס רעדע האָט געמאַכט אויף דער וועלט.

לאָנדאָן, יאנואר, 23.

פרעזידענט ווילסאָנס רעדע וועגען פריעדען, וועלכע ער האָט נעכטען געהאַלטען אין סענאַט האָט געמאַכט א גרויסען רושם אין אַלע קריעגס - פיהרענדע לענדער. אַלע צייטונגען האָבען זיך אָבגערופען אויף'ן פרעזידענטס רעדע און ...

אַלס סאָציאַליסט בין איך נעגען מלחמה אָבער אַלס ענגלענדער פיהל איך אז מיין לאַנד טהוט די ארבייט פאַר ציוויליזאַציע און העלפט ניט דערלאָזען דעם דייטשען מיליטאַריזם צו פאַרפליצען די וועלט. איך גלויב אין איינגע פון פרעזידענט ווילסאָנס אידעאַלען אָבער ניט ...

## וואס דענקט איהר איצט צו טהון?

## פאטריאטישער פאַנד א ריזיגער ערפאָלג

## גאָוערנאר דזשענעראַל געהערט פונ'ם הויז אונזערע

## ווייל בענזינעצט ,,רייטעס" פון פערד

## צוויי דייטשע פערניכטער שיפען געזונקען אין א שלאַכט

## אינזשענער שטאַרבט אויף'ן אינדזשען

## מחמה סערטיפיקייטס צו בעקומען אין פאָסט אפיס

## רוסלאַנד בעקומט א גרויסע הלואה


מר. ה. ווינבערג

שיקט געלד קיין רוסלאַנד לויט'ן מאַנעט קורס

32c.

(פאַר'ן רובעל)

אַלע שטאַרס וועלכע ווילען פערקויפען דעם „אידישען זשורנאַל" זאָלען אונז לאָזען וויסען וועט מען זיי דער „זשורנאַל" צוגעשטעלט ווערען יעדען מאָרגען




# טר-ר-אך! קראך

„דאס איז געווען ניט וויט! מיין . . . גאט! דאס איז זעהר נאהענט".
„קריעכט ארונטער! שאפיער, קענט איהר ניט געבען אביסעל מעהר
גאז דעם אמבולאנס? מאכט איהם צו רעדען ווערטער".

פאסט אויך אויטליכער! דא קומט עטוואס וואס טראגט מיט זיך עט
וואס רעסטס. בייגט אייך איין חברה: כאפט אייך אן ביי די זייטען, האלט
שטארק. איינ . . . גאט! . . . זענען אלע אלרייט".

און דא זיצען איך און איהר אין אונזערע בעקוועמע שטוהלען, אין אונזערע ווארעמע צימערען, זיכער ווי דער שפריכווערטליכער „אנזעקט", — און מיר וואונדערען זיך אויב צוויי דאלאר, אדער צוואנציג דאלאר, אדער פופציג דאלאר (לויט דעם ווי עס קומט אויס אין יעדען פאל) איז גענוג פאר'ן פאטריאטישען פאנד און דעם קענעדער רויטען קרייץ קעמפיין. גענוג! ס'איז גאר ניטא אזא ווארט ווי גענוג אין דער איצטיגער מלחמה. דאס איינציגע מאהל ווען איהר און איך מעגען זאגען, אז מיר האבען געגעבען „גענוג", ווען מיר קענען אבסאלוט, און עהרליכערהייט מעהר ניט געבען קיין איינציגען סענט. אויב איהר גיט ניט דאס לעצטע, דאן גיט איהר ניט גענוג.

**נאך וואס איז נויטיג אין דיעזען אדווערטייזמענט אויסצורעכענען מעהר צרות? איהר ווייסט דאך דאס זעהער גוט, דאס ביי זיך אין הארצען זענט איהר צופריעדען וואס איהר זענט ניט אין דעם אמבולאנס פונ'ם רויטען קרייץ. מאכט ניט אויס וואס פאר אן אורזאכען איהר זאלט ניט אנגעבען פאר בלייבען אין דער היים אבער דאס איז דאך ניט מעהר ווי פאר אייער געוויסען. אבער דיעזער פאטריאטישער פאנד און די קענעדיען רויטער קרייץ ביזנעס שטעהט צווישען אייך און אייער קינד—ווארום ס'איז מעגליך אז אין דעם אמבולאנס פונ'ם רויטען קרייץ זאלט איהר זיין, און ס'איז מעגליך אז אייער קינד זאל זיין אבהענגיג אין דעם פאנד פונ'ם רויטען קרייץ**

פארגעסט אייערע קריטיקען שטעקט אריין אייער האנט אין קעשענע און נעהמט ארויס דעם טייל וואס ס'איז אייער חוב. קוקט אייך איין אויפ'ן וואגען פונ'ם רויטען קרייץ און דיעזען אדווערטייזמענט. — און דאן טראכט וועגען אייער שעהנעם און בעקוועמען בעט פון אייער היים. אויב איהר ווילט הנאה האבען פון אייער בעט דאן שטעקט אריין די האנט אין קעשענע! אויף צו בערוהיגען דעם געוויסען איז דאס זעהר א ביליגער פרייז. זעהר ביליג.

## שטעקט אריין די האנט אין קעשענע: שטעקט אריין די האנט אין קעשענע

**THE PATRIOTIC AND CANADIAN RED CROSS APPEAL**
15 King St. East, Toronto.

Gentlemen: I am willing to contribute a certain sum, payable in instalments, during this year. Will you kindly send me further particulars?

Name.................................... Address....................................

CAMPAIGN HEADQUARTERS ... BUILDING) ... MILLIONS

# טהוט אייער פליכט אינ'ם הילף קעמפיין
## פאטריאטיק פאנד און קענעדער רויטער קרייץ אפיעל

In Four days Jan. 23 24 25 26th TWO AND A HALF MILLION DOLLARS

| פרעזידענט | האנאררי טרעזשורער | קעמפיין ארגאנייזער |
|---|---|---|
| סער וויליאם מיולאק | ע. ב. נאה | וו. ס. דיניק |

